ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## פרשת האזינו

## י"א תשרי תשס"ו



## לעבן מיט דער צייט

### האזינו

#### האזינו השמים גו' ותשמע הארץ

**האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי** – הערט זיך איין הימלען וואס איך וועלריידן, און הער זיך איין ערד צו די ווערטער פון מיין מויל.

כאטש אפילו אז דער פסוק רעדט וועגן די רייד פון משה רבינו - האט דאך אבער משה רבינו איבערגעגעבן אלע ענינים פון תורה אלס א ירושה צו יעדער אידן, **"תורה צוה לנו משה מורשה קהילת יעקב"**.

קומט אויס, אז יעדערער און יעדערע וואס געהערט צו "קהלת יעקב", האט בירושה די גאנצע תורה, כולל אויך דעם פסוק "האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי".

און דאס לערנט אונז דער פסוק "האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי", אז יעדער איד דארף וויסן, אז ער האט דעם כח אז זיינע ווערטער ווערן געהערט אין אלע הימלען און אויף דער גאנצער ערד!

ווארום דורך דעם וואס א איד פארבינדט זיך אין א "ברית" מיט תורה, ווערט ער פארבונדן מיט משה רבינו ("תורת משה"), און דורך דעם מיט דעם אויבערשטן אליין.

און וויבאלד דער אויבערשטער איז דאך דער וואס **"ברא...את השמים ואת הארץ"** - ער האט באשאפן אלע הימלען און די ערד - דעריבער, מיט דעם כח פון תורה וואס א איד איז מקיים אדער רעדט און טראכט, ווירקט א איד אז "השמים", די הימלען, הערן זיך צו און קוקן זיך צו, צו די מעשים און דיבורים און מחשבות וואס יעדער איד טוט, רעדט אדער טראכט! און אזוי אויך בנוגע "הארץ", איז - **"ותשמע הארץ אמרי פי"**.

דערפון האט מען אן אפלערנונג אין מלחמת היצר: ס'איז דא אמאל, וואס דער יצר, וואס וויל רחמנא ליצלן מבלבל זיין און צעטומלען א אידיש קינד, קומט צו גיין און טענה'ט: וואס פאר א חשיבות האט אן איין און איינציקער מעשה טוב, דיבור טוב אדער

*(המשך אין עמוד 2)*

טייערע קינדער שלוחים שיחיו,

אט קומט פאר אונז די צופרידענע טעג פון סוכות און שמיני עצרת-שמחת תורה. די זיינען די טעג פון וואנעט א איד נעמט שמחה אויף א גאנצע יאר!! איך בין זיכער אז איר, די טייערע סאלדאטן פון רבי'ן, זיינען זייער פארנומען מיט אלע מבצעים וואס איר טוט און וועט טאן. איך בין זיכער אז איר בויט גרויסע סוכות און אז איר גרייט זיך צו אויף מבצע לולב.

דער רבי האט אלעמאל דערמאנט אז ווען מיר האבן א יום טוב פון שמחה, קען מען ניט פארגעסן אויף די וואס האבן ניט. מען מוז זיי געבן וואס זיי האבן ניט – סיי גשמיות'דיקע עסן אדער די רוחניות'דיקע עסן – די מצוות פון דעם צייט. איר, די טייערע שלוחים, זיינען די וואס פירן אויס דעם רבי'נס הוראות אין פולן זין. זאל דער אויבערשטער אייך העלפן מיט א סאך הצלחה אין אייער שליחות, און מיט צופרידענע הערצער זאלן מיר טאנצן ביים שמחת בית השואבה אין ירושלים!

איידלה וועכטער

## משיח נאו!



אויף סוכות זעהט מען דעם ענין פון אחדות. מען נעמט צוזאמען די פיר מינים - לולב, אתרוג, הדסים, און ערבות, און מען זיצט צוזאמען אין א סוכה. אין צייט פון גאולה, ווען אלע אידן וועלן זיין צוזאמען, וועט דער אויבערשטער מאכן א גרויסע סוכה פון די הויט פון דעם לויתן און אלע אידן וועלן זיצן צוזאמען אין דעם סוכה!

# דעם חסידישן לוח

## י״ג תשרי



## יארצייט פון דעם רבי'ן מהר״ש

דער רבי מהר״ש – ר' שמואל איז געבארן געווארן ב' אייר תקצ״ד.

דער רבי מהר״ש איז געווען נאר 21 ווען דער צמח צדק האט אים שוין געבעטן זיך פארנעמען מיט זאכן פאר דעם כלל. דער רבי מהר״ש איז געגאנגען פאר זיין טאטע צו גרויסע שרים צו קריגן זיך פאר די חינוך פון אידישע קינדער. אף על פי אז ער איז געווען יונג, האט ער קלאר געזאגט זיין דעה פאר אלע גרויסע מיניסטארן.

נאך דער הסתלקות פון צמח צדק אין יאר תרכ״ו, איז ר' שמואל געווארן דער רבי.

די צייט פון רבי מהר״ש'ס נשיאות איז געווען זייער א שווערע צייט אין רוסלאנד פאר אידן צוליב די שלעכטע גויים, און דער רבי מהר״ש האט שטארק געקעמפט קעגן דעם. דער צמח צדק איז נאר געווען רבי 17 יאר ביז תרמ״ג (ווען ער איז נסתלק) אבער אין דעם קורצע צייט האט ער געשריבן אסאך חסידות וואס ווערט אנגערופען תורת שמואל, און האט ארויסגעהאלפן אידן בגשמיות וברוחניות.

דער רבי מהר״ש איז נסתלק י״ג תשרי 11:51. ארום 25 מינוט פריער האט ער גענומען זיין זייגער און האט געלייגט א שטיק פאפיר אין די זייגער אז עס זאל אויפהערן 11:51 - ער האט שוין געוואוסט פונקט ווען די הסתלקות וועט זיין!

נאך דעם האט ער גערופען זיינע הייליקע זין און ער האט גערעדט מיט זיי און האט זיי געבענטשט. דערנאך איז ער נסתלק געווארן נאך זיצנדיק אויף זיין הייליקן בענקל.

דער רבי האט געזאגט אז דער לעבן פון דער רבי מהר״ש קען מען פארשטיין דורך זיין באוואוסטע ווארט ״דער וועלט זאגט אז אויב מען קען ניט ארונטער זאל מען אריבער, אבער איך זאג, לכתחילה אריבער״!

קינדער, לאמיר נעמען די הוראה פון דער רבי מהר״ש און טאן אלץ וואס מיר קענען אין א וועג פון ״לכתחילה אריבער!״ צו ברענגען משיח נאו!!

*(המשך פון לעבן מיט דער צייט)*

מחשבה טובה וואס איין אידיש קינד וועט טאן, רעדן אדער טראכטן.

דער יצר וויל ״קליינטשיק״ מאכן א אידן אז זיינע מעשים האבן ניט קיין חשיבות, ובמילא דארף מען ניט זיין אזוי אפגעהיט, און אנשטרענגען זיך אזוי פיל אויף צו טאן אלע מעשים טובים וואס מ'קען, רעדן עניני תורה וויפל נאר מ'קען, צוזאמען מיט טראכטן מחשבות טובות - דאס איז די גרעסטע נארישקייט און טיפשות וואס מ'קען זיך איינרעדן!

און זיכער אז א אידיש קינד וואס געהערט צום **״עם חכם ונבון״**, און האט בירושה דעם אויבערשטנ'ס חכמה, וואס דאס איז תורה - וועט זיך נישט צוהערן צו די נארישקייטן וואס דער יצר וויל איינרעדן, נאר מ'וועט נאכמער צוגעבן אין עבודת ה' בשמחה.

*(פון דער רבי' רעדט צו קינדער - שיחת כ״ו אלול תשמ״ב)*

# דערציילט מיר א מעשה

*קינדער, חסידים פון אלע דורות האבן אלעמאל געוואלט זיין ביים רבי'ן אויף יום טוב. חסידים זיינען געפארן פון זייער ווייט צו זיין אין דעם הייליקסטן פלאץ אויף תשרי, און אריינעמען די קדושה.*

*יעדן יאר, איז 770 געווען אנגעפאקט מיט חסידים וואס זיינען געקומען צו זיין ביים רבי'ן. די שטופן איז געווען זייער גרויס, אבער נאך גרעסער איז געווען די ליבשאפט פון חסידים צום רבי'ן. אויך היינט קומען חסידים פון ארום די וועלט: פון פראנקרייך, פון רוסלאנד פון ארץ ישראל און אפילו פון אסטראלי' צו זיין אין הייליקסטן פלאץ אין דעם הייליקסטן צייט פון יאר. פארשטייט זיך אבער, אז ווען אזוי פיל חסידים קומען צוזאמען איז מען גאנץ עקוועטשט...*

איינער האט אמאל געשריבן צום רבי'ן וועגן זיין איינקל. זיין איינקל איז געווען אין 770 תשרי צייט , און די שטופעריי איז געווען זייער גרויס. ווען דער רבי האט אים געענטפערט האט דער רבי געשריבן (ניט די פונקטליכע ווערטער) ״אויף דאס וואס דו שרייבסט אז די שטופן אין 770 איז געווען זייער גרויס, איז עס באוואוסט וואס עס שטייט וועגן אידן, אז זיי זיינען ווי איילבירטן - זיתים : וואס מער מען קוועטשט זיי, אלס מער געבן זיי ארויס די גוטע אויל. די שטופן פון חסידים איז גאר א גוטע זאך!״

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org